Publié par
la Maison de la culture
yiddish - Bibliothèque
Medem avec le concours
de la Délégation Générale
à la Langue Française
et la Forward Association

# דער ייִדישער
# טעם־טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע
פֿון דעם פּאַריזער
ייִדיש־צענטער —
מעדעם־ביבליאָטעק

יאָר 9, נומער 4 (44)
סיוון תשס״ד/מײַ 2004

## גוגל ? יאָ, גוגל !

**מיט אַ צײַט צוריק איז אַרויס אויף אינטערנעץ[1] אַ מעלדונג וואָס – כאָטש זי האָט ניט „אויפֿגעטרייסלט[2] די וועלט“ – האָט זי יאָ שטאַרק אויפֿגערודערט[3] אַלע ייִדיש רעדנדיקע באַניצערס פֿונעם אינטערנעץ : גוגל רעדט ייִדיש !**


פֿאָטאָ : ר. לעדו

פֿאַר די וואָס שפּילן זיך (נאָך) נישט מיטן אינטערנעץ מעג מען דערמאָנען אַז גוגל איז אַ „זוכמאָטאָר[4]“, (איינער פֿון די גרעסטע אויף דער וועלט) וואָס קען אויסזוכן אַ געוויס וואָרט אָדער אַ וועבזײַטל[5] אין די ריזיקע[6] לאַבירינטן פֿונעם „וועב“. דאָס דערלויבט צו געפֿינען זייער גיך אינפֿאָרמאַציעס אויף כלערליי[7] געביטן : טאָגטעגלעכע זאַכן ווי וועטער, וועלטנײַעס, באַנען־צײַטפּלאַן, פֿאַרווײַלונגען[8], אאַז״וו[9], אָדער גאָר ספּעציפֿישע וויסנשאַפֿטלעכע ענינים[10] ווי די לעצטע אַנטדעקונגען אין אַסטראָנאָמיע, מעדיצין צי אַרכעאָלאָגיע.

### גוגל ווערט אַ פּאָליגלאָט

גוגל איז געבוירן געוואָרן אין אַמעריקע אין 1999. אין אָנהייב האָט ער, פֿאַרשטייט זיך, גערעדט בלויז אויף ענגליש. ביסלעכווײַז האָט מען צוגעגעבן מעגלעכקייטן צו זוכן אויף אַנדערע שפּראַכן, ווי פֿראַנצייזיש, דײַטש, שפּאַניש און שפּעטער אויך אויף קירגיזיש, אָקסיטאַניש, לאַטײַניש, עספּעראַנטאָ, אורדו, זולו און אַ סך אַ סך מער. ייִדיש איז די 97סטע שפּראַך אין וועלכער מע קען זוכן.

צווישן די אינטערנעץ־באַניצערס זענען געווען פֿון אָנהייב אָן אַ סך מענטשן וואָס אינטערעסירן זיך מיט ייִדישער קולטור – געשיכטע, מוזיק, ליטעראַטור, גענעאַלאָגיע, און רעליגיע. אַ גרויסע טייל פֿון די וואָס לייענען און שרײַבן אויף ייִדיש קומען פֿון די אָרטאָדאָקסישע סבֿיבֿות[11] ווו מען רעדט ייִדיש יעדן טאָג.

פֿריִער האָט מען געדאַרפֿט אַלץ זוכן מיט לאַטײַנישע אותיות[12]. אויב מען האָט געוואָלט פֿאָרשן, לאָמיר זאָגן, וועגן לאַטקעס, האָט מען אַרײַנגעקלאַפּט google, נאָך דעם latkes (אויף טראַנסליטעראַציע), און מען האָט געפֿונען יעדער אָרט[13] ווו דאָס וואָרט „לאַטקעס“ ווערט דערמאָנט.

איצט אָבער דערקענט גוגל די ייִדישע אותיות. מע דאַרף בלויז אַרײַנקלאַפּן ל אַ ט ק ע ס – ווי סע שטייט און גייט[14] – און דער מאָטאָר דערלאַנגט אײַך[15] אַלע לאַטקעס וואָס ער פֿאַרמאָגט !

צו וואָס דאַרף מען עס ? ערשטנס, צוליב דעם פּרינציפּ אַז ס׳איז שטענדיק בעסער צו שרײַבן אַ שפּראַך אַזוי ווי זי שרײַבט זיך. צווייטנס, דאָס וואָס גוגל האַלט פֿאַר נייטיק צוצוגעבן ייִדיש ווי איינע פֿון די מעגלעכע זוכשפּראַכן איז אַן אָנערקענונג[16] אַז ייִדיש

[סוף זײַט 2]

1. Internet. אַלע טערמינען וועגן אינטערנעץ און קאָמפּיוטערײַ וועט איר געפֿינען אין די גלאָסאַרן זז׳ 2 און 8. 2. ébranlé/shook 3. secoué/excited 4. moteur de recherche/search-engine 5. page web/web page 6. vastes/huge 7. KO'LERLEY toutes sortes de/all sorts of 8. loisirs/entertainment 9. און אַזוי ווײַטער etc. 10. ... INYONIM sujets scientifiques/scientific subjects 11. SVIVES milieux/circles 12. OYSYES caractères/characters 13. site 14. tel quel/as is 15. vous donne/serves you up 16. reconnaissance/recognition

[סוף פֿון זײַט 1]

איז אַ שפּראַך מיט שפּראַכן גלײַך און נאָך אַ באַווײַז פֿונעם וואַקסנדיקן אינטערעס צו ייִדיש אין דער וועלט. די דריטע סיבה[17] איז גאָר אַ פּראַקטישע : אויב מע וויל פֿאָרשן, צום בײַשפּיל, וועגן שלום־עליכם[18], דאַרף מען מער נישט טראַכטן צי מע שרײַבט shalom, scholem, shulem, אָדער szolem, צי אַפֿילו[19] aleichem ! מע קלאַפּט אַרײַן פּראָסט אויף ייִדיש „שלום־עליכם" און מע געפֿינט אַרטיקלען געשריבן אויף ייִדיש.

דאָס איז טעאָריע. רעאַליטעט איז אַ ביסל אַנדערש. די סיסטעם איז נאָך אַלץ גאָר נײַ און אין דער אמתן[20] געפֿינט מען נאָך נישט אַזוי פֿיל וועבזײַטלעך אויף ייִדיש, געשריבענע מיט ייִדישע אותיות. מע געפֿינט אַ סך אויף העברעיִש, און (דורך די פֿאַרבינדונגען[21]) אויף אַנדערע שפּראַכן. אָבער די נײַע מעגלעכקייט צו זוכן וועט אַוודאי[22] געבן אַן אימפּעט[23] אַלע ייִדישע אינטערנעצניקעס אַרײַנצופֿירן וואָס ווײַטער אַלץ מער[24] אַרטיקלען אויף ייִדיש.

## לאַטקעס אויף אינטערנעץ

מיר האָבן געמאַכט אַ פּרוּוו און געפֿונען אַ פּאָר סורפּריזן, גוטע און שלעכטע. ערשטנס האָבן מיר געזוכט... טאַקע לאַטקעס. געפֿונען אַ סך רעצעפּטן, לײַדער[25] אַלע אויף ענגליש. אויפֿגעפֿרעסן די לאַטקעס, איז מען אַריבער צו מוזיק, און געזוכט די ווערטער צו אַ פּאָר באַקאַנטע ייִדישע לידער, *אויפֿן פּריפּעטשיק* און *טומבאַלאַלײַקאַ*. בײַ *אויפֿן פּריפּעטשיק* זײַנען אויפֿגעקומען אַ פּאָר ערטער, נישט קיין ווערטער, נאָר אַפֿילו בעסער : אַ רעקאָרדירונג פֿונעם ליד געזונגען דורך די ברידער ליבֿנת[26], צוויי יונגע מוזיקער פֿון ישׂראל[27]. מיט *טומבאַלאַלײַקאַ* האָט מען גאָרנישט געפֿונען, אָבער דער ענטפֿער (זע אונטן), אַרויסגעזאָגט אַזוי שיין און העפֿלעך[28], מיט אַלע טערמינען איבערגעזעצט אויף ייִדיש, איז געווען אַ מחיה[29] צו לייענען.

אויב איר ווילט זיך שפּילן מיט ייִדיש אויף אינטערנעץ, זע אַדרעסן ז' 8.

17. SIBE raison/reason 18. SHOLEM-ALEYKHEM 19. AFILE même/even 20. … E'MESN en fait/actually 21. liens/links 22. AVADE bien sûr/of course 23. élan/impetus 24. de plus en plus/more and more 25. malheureusement/unfortunately 26. Livnat 27. YISROEL 28. poliment/politely 29. MEKHAYE plaisir/pleasure.




ווען גוגל געפֿינט יאָ... דאָס וועבזײַטל פֿון אַ ייִדיש־צענטער אין כאַרקאָוו (אוקראַיִנע)




ווען גוגל געפֿינט נישט...

## וואָקאַבולאַר פֿון אינטערנעץ

| | |
|---|---|
| דאָס וועבאָרט | site web/website |
| דאָס וועבזײַטל | page web/web page |
| דער זוכמאָטאָר | moteur de recherche/search engine |
| דער וואָרטצייכן | mot de passe/password |
| דאָס שליסלוואָרט | mot clé/key word |
| אַראָפּברענגען | télécharger/download |
| די פֿאַרבינדונג | lien/link |
| די בליצפּאָסט | courriel/e-mail |
| די מעלדונג | message |
| דער שטרודל | @ |



# ווי גאָט אין פֿראַנקרײַך[1]

גליקלעך ווי גאָט אין פֿראַנקרײַך ! צי זענען מסכּים[2] געווען מיט אַזאַ אויסדרוק די אַלע ייִדן וואָס אָרעמקייט צי רדיפֿות[3] האָבן זיי אַרויסגעיאָגט פֿון מיזרח[4]־אייראָפּע און זיי האָבן זיך באַזעצט אין פֿראַנקרײַך אין די יאָרן פֿון די גרויסע אימיגראַציע־כוואַליעס ? ווי אַזוי האָבן זיי זיך צוגעפּאַסט צום נײַעם לאַנד ? אויף אָט דער פֿראַגע האָט דער פּאַריזער ייִדיש־צענטער געפּרוּווט צו ענטפֿערן מיט אַ סעזאָן געווידמעט דער ייִדישער קולטור אין פֿראַנקרײַך.

דער טיטל פֿונעם סעזאָן, „ווּ עס געפֿינט זײַן פּנים יעדער גר“[5], איז גענומען פֿון אַבֿרהם[6] סוצקעווערס ליד *פּאַריז* (פֿון וועלכן מיר דרוקן דאָ אָפּ אַ פֿראַגמענט, זע ז׳ 5). דאָס וואָרט „גר[7]“, מיט זײַנע פֿאַרשיידענע באַטײַטן, לאָזט אונדז אָנצוהערן אַ סך מער ווי דאָס ווערטל „ווי גאָט אין פֿראַנקרײַך“. אַ גר איז טאַקע „אַ פֿרעמדער“, אָבער עס מיינט אויך „אַ נישט־ייִד וואָס נעמט אָן[8] די ייִדישע רעליגיע“ – מע מעג פֿאַרשטיין אַז ס׳איז איינער וואָס פּרוּווט זיך צופּאַסן צו די אײַנוווינער[9] פֿונעם לאַנד, צו אַ נײַעם שטייגער לעבן[10]. צווישן פֿראַנצויזן און אימיגראַנטן זײַנען טאַקע געווען שטאַרקע שפּאַנונגען[11], אָבער אויך פֿרײַנדלעכע באַציִונגען, קעגנזײַטיקע[12] השפּעות[13] און צופּאַסונגען.

דורך די פֿאַרשיידענע אַקטיוויטעטן אינעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער (פֿילמען, אויסשטעלונגען, ספּעקטאַקלען, רעפֿעראַטן וועגן געשיכטע, ליטעראַטור און טעאַטער) קען מען האָבן אַ ברייטן קוק אויפֿן ייִדישן לעבן אין פֿראַנקרײַך, בפֿרט[14] אין פּאַריז, ווּ עס האָבן זיך באַזעצט אַ סך קינסטלער, זשורנאַליסטן און שרײַבער.

נישט קיין סך פֿון די ייִדישע אימיגראַנטן זײַנען אָנגעקומען אין פּאַריז דורך דעם טריִומף־טויער, ווי מע קען זען אין וואָלף וועוויאָרקעס דערציילונג „אין משהלעס[15] האָטעל“ (זע ז׳ 4). די מעדעם־ביבליאָטעק האָט לעצטנס אַרויסגעגעבן די פֿראַנצייזישע איבערזעצונג (דורך בתיה בוים[16] און שמואל בונים[17]) פֿון זײַנע צוויי ביכער *מיזרח און מערבֿ*[18] און *באָדנלאָזע מענטשן*[19] דערשינען אין פּאַריז אין 1936 און 1937.



אַ רעסטאָראַן אין בעלוויל, פּאַריז 1920

© D.R.

גליקלעך ווי גאָט אין פֿראַנקרײַך ? וואָלף וועוויאָרקע, אַליין אַן אימיגראַנט, האָט געוווּסט ווי איבערצוגעבן די אונטערשיידן צווישן צוויי לענדער און צוויי לעבנס־שטייגערס. ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ חסידישער משפּחה[20] אין פּוילן אין 1896. געלערנט האָט ער זיך טראַדיציאָנעלע ווי אויך וועלטלעכע[21] לימודים[22]. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה[23] איז ער אַוועקגעפֿאָרן אין בערלין, ווּ ער האָט זיך באַקענט מיט עטלעכע שרײַבער און האָט אַליין אָנגעהויבן צו שרײַבן. אין 1924 איז ער אַוועק קיין פּאַריז ווּ ער האָט מיט זײַן פֿרוי געעפֿנט אַ ביליקן רעסטאָראַן פֿאַר סטודענטן, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַ טרעפֿפּונקט[24] פֿאַר שרײַבער. ווי עס האָט שפּאַסנדיק געזאָגט דער פּאָעט יוסף[25] פּאַפּיערניקאָוו, וואָס האָט געקענט דאָס פּאָרפֿאָלק אין פּאַריז, איז וועוויאָרקעס ווײַב געווען אַ געטרײַע מאַמע פֿאַר איר מאַן און אַ מלאך[26] מיט פֿולע קעשענעס סענדוויטשן פֿאַר די אַלע פֿאַרהונגערטע שרײַבער ! בקיצור[27], גלות[28], באָהעמע און צרות[29] האָט וועוויאָרקע געקענט פֿון דער ערשטער האַנט. ער האָט געאַרבעט אין פֿאַרשיידענע ייִדישע צײַטשריפֿטן און אין 1937 איז ער געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין דער טאָגצײַטונג *פּאַריזער הײַנט*. אין 1943 האָט מען אים פֿאַרשיקט[30] קיין דײַטשלאַנד (דעמאָלט איז דער טײַוול געווען גליקלעך אין פֿראַנקרײַך !) און ער איז שפּעטער אומגעבראַכט געוואָרן[31] אין בירקענוי.

אין וועוויאָרקעס דערציילונגען געפֿינט נישט אַזוי גרינג „זײַן פּנים יעדער גר“. דער שרײַבער קוקט זיך צו מיט אַן אומדערבאַרעמדיק[32] אויג (אָבער גלײַכצײַטיק מיט אַ צערטלעכן הומאָר) צו זײַנע העלדן – אַרבעטער און אויפֿגעקומענע גבֿירים[33], קינסטלער, אונטערוועלט־מענטשן, ייִדן און ניט־ייִדן – וואָס קווענקלען זיך[34], פֿאַרלוירענע, צווישן צוויי ווערטן־סיסטעמען[35], צוויי תּקופֿות[36], צוויי וועלטן.

1. *expression courante* «heureux comme Dieu en France»/*popular saying* «as happy as God in France» 2. MASKIM d'accord/in agreement 3. REDIFES persécutions 4. MIZREKh Est/East 5. … PONEM … GER *Où l'étranger trouve sa place*/*Where every stranger finds his place* 6. AVRO'M 7. GER étranger ; converti au judaïsme ; prosélyte/stranger; convert to Judaism; proselyte 8. adopte/adopts 9. habitants/inhabitants 10. mode de vie/way of life 11. tensions 12. mutuels/mutual 13. HASHPOES influences 14. BIFRA'T en particulier/especially 15. MO'YSHELES de Moyshele/Moyshele's 16. BASYE … Batia Baum 17. shMUEL Bunim 18. MIZREKh … MAYREV *Est et Ouest*/*East and West* 19. *Déracinés*/*Rootless* 20. KhSIDISHER MISHPOKhE famille hassidique/Hasidic family 21. laïcs/secular 22. LIMUDIM études/studies, *sing.* לימוד LIMED 23. MILKhOME guerre/war 24. point de rencontre/meeting place 25. YOYSEF 26. MALEKh ange/angel 27. BEKITSER bref/in short 28. GOLES exil/exile 29. TSORES soucis/troubles 30. déporté/deported 31. a été assassiné/was killed 32. impitoyable/merciless 33. … GVIRIM parvenus/nouveaux riches 34. hésitent/hesitate 35. systèmes de valeurs/value systems 36. TKUFES époques/periods.

## פֿון אַ דערציילונג פֿון וואָלף וועוויאָרקע

# אין משהלעס[1] האָטעל

[...] ער הייסט משהלע, און ער האָט אַ האָטעל אויף אַ פֿערטן שטאָק אין דער האָטעל־דע־וויל גאַס[2]. דאָס הייסט, נישט קיין האָטעל ווי אַלע פּאַריזער האָטעלן, וווּ יעדער קוואַרטיראַנט[3] האָט זיך זײַן צימערל – דאָס איז דאָך פֿאַראַן אין פּאַריז געוווּג, צו דעם וואָלט מען דאָך נישט געדאַרפֿט האָבן אים, משהלען. משהלע האָט אַן אַכסניא[4], אויפֿן שניט[5] פֿון די אַלטע ייִדישע אַכסניות : צוויי גרויסע צימערן אָנגעשטעלט מיט בעטן און צעבראָכענע טאַפּטשאַנעס[6], און פֿאַר אַ פֿראַנק אַ נאַכט קען מען בײַ אים איבערנעכטיקן[7]. קיין פּלאַץ פֿעלט בײַ משהלען קיין מאָל נישט אויס. ער ציילט נישט די פּלעצער און ער ציילט אויך נישט זײַנע אורחים[8]. קומט אַ פּאַרשוין זיך פֿרעגן אויף אַ פּלאַץ צום שלאָפֿן, נעמט משהלע בײַ אים אַ פֿראַנק און לאָזט אים אַרײַן אין די צוויי גרויסע צימערן. ער אַליין, משהלע, גייט דאָרט נישט אַרײַן. ער מישט זיך נישט אין די אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן[9] פֿון זײַנע קוואַרטיראַנטן, זיי מוזן אַליין זען ווי עס איז[10] זיך אײַנצוטיילן מיט די געלעגערס[11]. איז איין נאַכט דאָ ווייניק מענטשן, און עס קומט אויס איין בעט פֿאַר צוויי – איז זייער גליק, אַניִשט[12] מוזן זיי באַשטיין[13] דרײַ אויף אַ בעט, פֿיר אויף אַ בעט, און אַ מאָל טאַקע די גאַנצע פֿינף. אַ פּרינציפּ פֿאַראַן בײַ משהלען : נישט אַוועקצושיקן אַ מענטש, וואָס קומט צו אים נעכטיקן. [...] האָט יענער אַ פֿראַנק צו באַצאָלן, איז גוט, אויב נישט, נעמט משהלע בײַ אים אַ משכּון[14]. וואָס מען גיט אים, נעמט משהלע פֿאַר אַ משכּון : אַ זייגערל – איז אַ זייגערל, אַ העמד – איז אַ העמד, אַ פּאָר הויזן – איז אַ פּאָר הויזן. אַמליבסטן[15] אָבער נעמט ער אַ פּאָר תּפֿילין[16]. [...]

זיי לייגן[17] דאָך סײַ ווי סײַ[18] נישט קיין תּפֿילין, די הײַנטיקע חבֿרה־לײַט[19], און די, וואָס האָבן אַ פּאָר תּפֿילין, ליגן זיי ערגעץ פֿאַרפּאַקט אין אַ טשעמאָדאַן[20] ווי זיי שימלען[21]. פֿאַרקערט, ער איז זיכער, משהלע, אַז ער טוט נאָך אַ מיצווה[22] דערמיט, וואָס ער נעמט צו בײַ אַזעלכע חבֿרה־לײַט די תּפֿילין. וואָרעם ער איבערלופֿטערט[23] זיי פֿון צײַט צו צײַט, זיי זאָלן נישט שימלען, און אַז עס זאַמלען זיך אָן בײַ אים אַ ביסל תּפֿילין, פֿאַרקויפֿט ער זיי צו אַזעלכע וואָס דאַוונען יאָ. [...]



**וואָלף וועוויאָרקע (1945–1896)**

1. MO'YSHELES פֿונעם בוך *באָדנלאָזע מענטשן*, פּאַריז, 1937 2. rue de l'Hôtel-de-Ville 3. locataire/lodger 4. AKHSANYE auberge/inn *plur.* אַכסניות 5. à la façon de/in the fashion of 6. bancs de bois/wooden benches 7. passer la nuit/spend the night 8. ORKHIM hôtes/guests *sing.* אורח OYREKH 9. affaires/business 10. comme ils peuvent/however they can 11. lits/beds 12. sinon/or else 13. accepter/make do 14. MASHKN gage/pawn 15. de préférence/preferably 16. TFILN phylactères/phylacteries 17. mettent/put on 18. de toute façon/anyway 19. … KHEVRE-… les jeunes d'aujourd'hui/today's youth 20. malle/trunk 21. moisissent/get moldy 22. MITSVE bonne action/good deed 23. aère/airs them out.



# פּאַריז און ייִדישע פּאָעטן

## פּאַריז

פֿון אַבֿרהם סוצקעווער[1]

I

די אָוונטזון באַשיצט אַקעגן נאַכט דעם סאַקרע־קער[2].
אויס[3] טויזנט פֿאַרבן שמידט[4] זי דאָ פֿאַר זיך אַ באַריקאַדע.
אַ צוגעפֿליגלטער[5] צום באַרג פֿאַרנעם איך[6], ווי אַהער
דערגרייכן מיך פֿון העקן וועלט[7] געשטאַלטן נע־ונדע[8].
און ווי אַ האַלב דערטרונקענער, איך אָטעם אײַן אַלץ מער
מײַן וווּנדערוועלט, פֿאַרלוירן אין דער אומקומצײַט[9] אַוודאי[10].
– אַנטפֿינצטער זיך[11], פֿאַרלאָשן אויג, ווער קלאַנגיק, מײַן געהער,
און טרינקט זיך אָן[12] מיט זילבן[13] פֿון אַ נײַער לידעריאַדע.

[...]



אונטערשריפֿט פֿון אַ. סוצקעווער אין
פֿאָרעם פֿון אַן אויטאָפּאָרטרעט

V

סאַלוט דער שטאָט, ווּוּ עס געפֿינט זײַן פּנים[14] יעדער גר[15],
ווּוּ מענטש איז מ ע נ ט ש, מיט זײַנע פֿריידן, בענקשאַפֿטן און צערן[16].
איך טרינק דעם שטיינערדיקן ווײַן פֿון שטאָט, אויף סאַקרע־קער,
אַרומגעגאַרטלט[17] מיט אַ שורה[18] זון אין די פֿאָנאַרן[19].
דאָ שוועבן[20] גײַסטער. פֿלאַטערן אַרײַן אין מײַן באַגער[21].
דאָ לעבן אין דער לופֿטן לאַנג פֿאַרקלונגענע פֿאַנפֿאַרן[22].
און פֿרײַהייט איז ניט אַלט געוואָרן, אײַנגעשרומפּן[23]־שווער,
נאָר יונג, ווי אירע רויזן בײַ דער וואַנט פֿון קאָמונאַרן[24].

1. avro'm Sutskever (né/born 1913) 2. Sacré-Cœur 3. פֿון 4. (il) forge/(it) forges 5. *néologisme à partir de/neologism based on* „צוגעבונדן“, „צוגעשמידט“ און „פֿליגל“ 6. הער איך 7. du bout du monde/from the ends of the earth, *néol. à partir de/based on* „עק וועלט“ און „אַ העק“ 8. navenade errants/wandering 9. temps de l'anéantissement/time of death 10. avade sûrement/surely 11. *néol.* ווער ליכטיק 12. buvez jusqu'à plus soif/drink your fill 13. syllabes/syllables 14. ponem visage/face 15. ger *ici* étranger/*here* stranger 16. tsarn peines/pains 17. ceint/encircled 18. shure ligne/line 19. réverbères/street lamps 20. planent/hover 21. désir/desire 22. fanfares éteintes/long stilled trumpets 23. ratatiné/withered 24. le Mur des Fédérés/the wall in Père Lachaise cemetery where many Communards were shot (1871).



## רי דע ראָזיע[1]

פֿון משה שולשטיין[2]

דאָ שמעקט נישט מיט רויזן די גאַס, נישט די קראָמען,
כאָטש ס'נעמט זיך איר נאָמען פֿון רויזן, ווי כ'זע.
עס שמעקט דאָ מיט הערינג, מיט נעכטן, מיט בשׂמים[3]
אויף רי דע ראָזיע.

עס דאַוונט אַ פּליטע[4] און הויך ווערט נתגלה[5],
צום אייבערשטן[6] זינגט אויף דער אייבערשטער „צע“[7].
זי דרייט זיך עקשנותדיק־דול[8] מיט אונדז אַלע
אויף רי דע ראָזיע.

זי דרייט זיך מיט אונדזערע דאגות[9] צוזאַמען,
מיר זאָלן געדענקען איר ליד שבעל־פּה[10].
און ס'בריוועלע זוכט דעם אַדרעס פֿון דער מאַמען
אויף רי דע ראָזיע.

עס ווערט דאָ געתּפֿילהט[11], געטובֿלט[12], געמלעט[13],
אַ יאָרצײַט־ליכט[14] לעשט זיך נישט אויס, ווי דער סנה[15].
אַ שײַן פֿון סלאָבאָדקע[16], אַן אָפּקלאַנג פֿון באַלוט[17]
אויף רי דע ראָזיע.

אַ שטיק פֿראַנצישקאַנער[18], אַ שטיק מאה־שערים[19].
אַ פּילפּול[20], אַ פּיקחותדיק[21] לאַכן : כע־כע.
און פּלוצים[22] נעמט אָן מיך מײַן מאַמע בײַם אָרעם
אויף רי דע ראָזיע.

אַ ייִנגעלע, פּאות[23] פֿאַרדרייטע ווי שרויפֿן[24],
די הייזלעך צעשפּיליעט[25], נאָר זאָג נישט : ס'איז פֿע[26],
ווי פֿון אַ געמעל[27] מאַנע־קאַצס[28] קומט צו לויפֿן
אויף רי דע ראָזיע.

דאָס קלאָר־ווײַסע ציגעלע[29] זײַנס האָט פֿון פֿלאַמען
פֿאַרלוירן דאָ ערגעץ אין הייפֿלעך[30] אַ „מע“.
קום, ייִנגעלע, לאָמיר אים זוכן צוזאַמען
אויף רי דע ראָזיע.



משה שולשטיין : פּאָרטרעט פֿון י. מאַרקיעל

© D.R.

1. rue des Rosiers /«street of rosebushes», main street of traditional Jewish quarter of Paris 2. moyshe Shulshteyn (1911-1981) 3. psomim épices/spices 4. disque/phonograph record 5. ... nisgale se revèle/is revealed 6. Dieu/God 7. contre-ut/high C 8. aksho'nesdik-dul obsessionnellement/obsessively 9. dayges soucis/worries 10. ... shebalpe' chanson non écrite/unwritten song 11. getfilet on prie/people pray 12. getoyvlt on va au bain rituel/go to the ritual bath 13. gemalet on circoncit/perform circumcisions 14. bougie qu'on allume à l'anniversaire d'un décès/memorial candle (for anniversary of a death) 15. sne le buisson ardent/the burning bush 16. célèbre yeshiva, Kovno (Kaunas), Lituanie/famous yeshiva in Kovno (Kaunas) Lithuania 17. quartier juif de Lodz/Jewish quarter of Lodz 18. rue de Varsovie/street in Warsaw 19. measheorim quartier orthodoxe de Jérusalem/religious quarter of Jerusalem 20. pilpl argumentations talmudiques/talmudic argumention 21. pi'kkhesdik subtil/subtle 22. soudain/suddenly 23. peyes papillottes/sidecurls 24. des vis/screws 25. déboutonné/unbuttoned 26. «pas bien»/not nice 27. peinture/painting 28. de/by Mané-Katz, peintre de la vie juive/painter of traditional Jewish life 29. chevreau blanc/pure white kid 30. courettes/courtyards.

# פֿאָרווערטס

## אַרטיקלען דערשינען אין דער ניו־יאָרקער צײַטונג פֿאָרווערטס אין מאַרץ און אַפּריל 2004

*אינעם פֿאָרווערטס פֿון 9טן אַפּריל 2004 איז דערשינען אַן אינטערוויו מיט יאָסט בלום, דורכגעפֿירט דורך לעוו בערינסקי. לעוו בערינסקי איז אַ באַוווסטער ייִדישער פּאָעט, אַ געבוירענער אין רוסלאַנד, וואָס וווינט הײַנט צו טאָג אין ישׂראל*[1]*. יאָסט בלום, וואָס איז לעצטנס געשטאָרבן, איז געווען אײנער פֿון די אַקטיוויסטע קולטור־טוערס אויף דעם געביט פֿון ייִדיש אין דײַטשלאַנד. מיר דרוקן דאָ אַ טייל פֿונעם אַרטיקל.*

## „אַ ליטעראַטור קען מען דאָך ניט לעבעדיקערהייט צו קבֿורה טראָגן"[2]

### יאָסט ג. בלום 1944 – 2002

פֿון לעוו בערינסקי

יאָסט בלום איז געווען איינער פֿון די סאַמע[3] אַקטיווע און איבערגעגעבענע[4] ענטוזיאַסטן פֿון ייִדיש אין אייראָפּע. זײַן דערפֿאָלגרײַכער דעביוט[5] אויף דעם ייִדיש־דײַטשן געביט איז געווען די איבערזעצונג פֿון אַבֿרהם[6] סוצקעווערס פּראָזעבוך *גרינער אַקוואַריום*[7], אָבער אַ ברייטע אָנערקענונג האָט זײַן טעטיקייט[8] באַקומען נאָך 1997, ווען ער האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן דעם זשורנאַל *מעטאַפֿאָראַ*, וווּ אין יעדן נומער – און דאָס איז געווען דער גרונדפּרינציפּ פֿון דער אויסגאַבע – פֿלעגט פֿאָרגעשטעלט ווערן איין הײַנטצײַטיקער ייִדישער מחבר[9]. און יעדעס מאָל איז דאָס געווען אַ סאָלידע פּובליקאַציע אין צוויי שפּראַכן פּאַראַלעל : די דײַטשע איבערזעצונג און אַ טראַנסקריפּציע פֿון דעם ייִדישן אָריגינאַל, אומבאַדינגט[10] – אַ ליטעראַטור־אַנאַליטישער אַרײַנפֿיר און אַ ביאָ־ביבליאָגראַפֿישע אינפֿאָרמאַציע וועגן דעם מחבר – אַן אמתע[11] קאָמפּאַקטע אַנטאָלאָגיע פֿון איין אויטאָר.

אין אָט די ערנסטע, מען קען זאָגן אַקאַדעמישע פּובליקאַציעס האָט בלום באַוויזן צו פֿאַרעפֿנטלעכן[12] פּאָעזיע, פּראָזע און איבערזעצונגען אויף ייִדיש בלויז פֿון זעקס ליטעראַטן – צבֿי[13] אײַזנמאַן (נומ' 1), לעוו בערינסקי (נומ' 2), אַבֿרהם סוצקעווער (נומ' 3–4), מרדכי[14] ליטווין (איבערזעצונג פֿון שאַרל באָדלערס ליריק, נומ' 5), גענאַדי עסטרײַך (נומ' 6), און רבֿקה[15] באַסמאַן (נומ' 7), אָבער דער עפֿעקט איז געווען (און בלײַבט) ממש[16] אַ געוואַלדיקער : אפֿשר[17] צום ערשטן מאָל נאָך דער מלחמה[18] האָט דער אייראָפּעיִשער לייענער מיט די אייגענע אויגן דערזען, אַז עס עקזיסטירט נאָך אַ ייִדישע ליטעראַטור ווי אַן אַקטועלער און אַנטוויקלטער קולטור־פּראָצעס. דערבײַ[19] האָט יאָסט בלום געפֿירט אַ ייִדישן קורס אין צוויי אוניווערסיטעטן – אין מײַנץ[20] און אין מינכען[21], און אָנגעשריבן אַן אויספֿירלעכע[22] פֿאָרשאַרבעט, *צו דער טראַנסקריפּציע פֿון דעם סטאַנדאַרד־ייִדיש*[23], וואָס וועט נאָך אַ סך צײַט ניט פֿאַרלירן איר פּראַקטישן באַטײַט[24]. [...]

*ענטפֿערנדיק אויף אַ פֿראַגע וועגן זײַן אייגענעם צוגאַנג צו ייִדיש, דערציילט בלום אַזוי :*

– „איך האָב שטודירט אין מינכען און לאָנדאָן אַראַביש, אַראַמיש און העברעיִש, זעלבסטפֿאַרשטענדלעך[25] די גערמאַנישע שפּראַכן, שפּעטער קאָמפּאַראַטיוו־לינגוויסטיק. [...] איך בין פֿאַרכאַפּט געווען[26] מיט דעם אַלעמען. אָבער דאָ קומען מיר צום אַנעקדאָט פֿון מײַן לעבן... מיר שטאַמען פֿון עסטרײַך[27]. דער פֿאָטער איז געווען אַן אַדוואָקאַט. נאָך דער מלחמה ווענדט זיך[28] צו אים אַן אַמעריקאַנער אָפֿיציר מיט אַ



לעוו בערינסקי און יאָסט בלום

[סוף זײַט 8]



1. YISROEL 2. … KVURE … enterrer vivant/bury alive 3. les plus/very 4. dévoués/devoted 5. débuts réussis/successful debut 6. AVRO'M 7. *Grüner Aquarium*, Frankfurt/M, Suhrkamp Verlag, 1992 8. activité/activity 9. MEKHABER auteur/author 10. obligatoirement/*here* without exception 11. E'MESE véritable/real 12. publier/publish 13. TSVI 14. MORDKhE 15. RIVKE 16. MAMESh vraiment/really 17. EFShER peut-être/perhaps 18. MILKhOME guerre/war 19. en même temps/at the same time 20. Mayence/Mainz 21. Munich 22. exhaustif/exhaustive 23. *Zur Transkription des Standartjiddischen* 24. signification *ici* utilité/meaning *here* usefulness 25. évidemment/obviously 26. j'étais passionné/I was fascinated 27. Autriche/Austria 28. s'adresse à/comes to


## איך וויל אַבאָנירן דעם *פֿאָרווערטס*

אַבאָנעמענט־פּרײַזן : פֿאַראייניקטע שטאַטן[1] : איין יאָר – 36 דאָלאַר, האַלב יאָר – 21 דאָלאַר

איבער דער וועלט : ים־פּאָסט[2] : איין יאָר – 40 דאָלאַר, האַלב יאָר - 25 דאָלאַר, לופֿטפּאָסט[3] : איין יאָר – 97 דאָלאַר

נאָמען : ........................................................ קרעדיט־קאַרטע־נומער : ......................................

אַדרעס : ........................................................ אויסגאַנג[4]־דאַטע : ......................................

........................................................

שיקט דאָס צעטל אויפֿן אַדרעס : The Yiddish Forward, 45 E 33rd Street New York, NY 10016 USA

בליצפּאָסט־אַדרעס : faivus@Yiddish.Forward.com

1. Etats-Unis/United States 2. YAM-… poste maritime/surface mail 3. poste aérienne/airmail 4. expiration.

# אַ בוך וואָס וועט אַלעמען צו ניץ קומען

## פֿון מיכאל קרוטיקאָוו

יוסף גורי[1], *לאָמיר הערן גוטע בשׂורות*[2] *: יִדישע ברכות און קללות*[3]
**(ירושלים[4] : העברעיִשער אוניווערסיטעט, אָפּטייל פֿאַר רוסישע לימודים[5], 2004)**

דער ירושלימער לעקסיקאָגראַף ד״ר[6] יוסף גורי האָט זיך שוין לאַנג קונה־שם געווען[7] מיט זײַנע ווערטערביכער און לעקסיקאָנען פֿון יִדישע רעדנסאַרטן[8]. בלי־ספֿק[9], וועט זײַן נײַע זאַמלונג, וואָס איז כולל[10] יִדישע ברכות און קללות, אויך פּאָפּולער ווערן בײַ דעם יִדיש־רעדנדיקן עולם[11], פּונקט אַזוי ווי די פֿריִערדיקע זעקס ווערק זײַנע. דער זשאַנער פֿון ברכות און קללות פֿאַרנעמט אַ ספּעציעל אָרט אין דעם יִדישן פֿאָלקלאָר־אוצר[12]. די יִדישע שפּראַך איז באַזונדער רײַך מיט אַזאַ מין[13] רעדנסאַרט... [...]

דער צונויפֿשטעלער באַטאָנט[14] די לײַכטע און שפּילעוודיקע טבֿע[15] פֿון יִדישע קללות : „אין פֿאַרגלײַך מיט די שווערע תּנכישע[16] קללות זײַנען די יִדישע פֿאָלקס־קללות נאָר אַן אויסדרוק פֿון אַ צײַטווײַליקן כּעס־אויסברוך[17], כאָטש[18] אַזאַ אויסברוך קען אַ מאָל זײַן גענוג שטעכיק[19]“. די געשטאַלטן און עפּיזאָדן פֿון תּנך, מדרש[20] און אַגדה[21] ווערן איבערגעניצעוועט[22] אין דעם יִדישן פֿאָלקסמויל אויף אַ היימישן אופֿן[23], אַזוי ווי אין די לידער פֿון איציק מאַנגער. די באַרימטע העלדן און זייערע מעשׂים[24] ווערן אַ טייל פֿון דער הײַנטיקערווירקלעכקייט און דורך דעם באַקומען זיי אַן איראָנישן בײַטעם[25] – ווי למשל[26] „זאָלן דײַנע ביינער זיך ברעכן אַזוי ווי די עשׂרת־הדיברות[27].“ [...] יִדישע קללות און ברכות שטעלן מיט זיך פֿאָר[28] אַ גוטן מוסטער[29]



זאָלן דײַנע ביינער זיך ברעכן אַזוי ווי ...

פֿון [...] קאָלעקטיווער שעפֿערישקייט. ד״ר גוריס זאַמלבוך איז ניט סתּם[30] אַ קאָלעקציע פֿון דעם טראַדיציאָנעלן פֿאָלקלאָר־מאַטעריאַל, נאָר אויך אַ מין האַנטבוך פֿאַר צונויפֿשטעלן אייגענע קללות, לויט פּערזענלעכע באַדערפֿענישן. ער באַמערקט אַז „פֿאַקטיש קען יעדער איינער „צוטראַכטן“ אַ קללה, ווײַל אַ קללה איז אַן אָפֿענע סעריע. אַ שטייגער[31], מיט דער סעריע [אַ רוח[32] אין...] קען מען אָנגיין אַזוי : „אַ רוח דיר אין בויך, אין דײַנע געדערעם[33], אין דײַנע ביינער...“. צוליב באַקוועמלעכקייט איז דאָס בוך באַזאָרגט מיט אַ פּרטימדיקן[34] זוכצעטל[35], וואָס העלפֿט צו געפֿינען אַ ברכה אָדער אַ קללה לויט איין וואָרט, לויט אַ טעמע, אָדער לויט דעם אָפּשטאַם. באַזונדער אויסגעטיילט זײַנען איין־און־צוואַנציק מענה־לשונס[36], וואָס דער יונגער שלום־עליכם[37] האָט אָנגעזאַמלט נאָך זײַן שטיפֿמאַמען[38] – מסתּמא[39] די ערשטע זאַמלונג פֿון אַזאַ מין אין דער יִדישער פֿאָלקלאָריסטיק, וואָס ער האָט שפּעטער אײַנגעשלאָסן אין זײַן אויטאָביאָגראַפֿישן ראָמאַן *פֿונעם יריד*[40].

אַנדערע בײַשפּילן קומען פֿון יִדישער ליטעראַטור – באַזונדער רײַכע מאַטעריאַלן שטאַמען פֿון דעם טונקעלערס[41] פּאַראָדישע און הומאָריסטישע ווערק – ווי אויך פֿון זאַמלונגען פֿון יִדישן פֿאָלקלאָר.

דער צונויפֿשטעלער באַטאָנט, אַז די דאָזיקע זאַמלונג, אַזוי ווי די פֿריִערדיקע ווערק זײַנע, איז אויסגערעכנט ניט אויף





שפּראַך־מומחים[42], נאָר אויף דעם אַלגעמיינעם עולם פֿון יִדיש־ליבהאָבער. דערפֿאַר איז יעדער בײַשפּיל באַזאָרגט מיט דרײַ איבערזעצונגען – אויף העברעיִש, רוסיש און ענגליש. פּונקט אַזוי פֿיר־שפּראַכיק איז דאָס זוכצעטל און די הקדמה[43]. די שאַרפֿזיניקע און עלעגאַנטע אילוסטראַציעס פֿון דנה און ניקוד זינגער[44] באַלעבן די רעדנסאַרטן און צו מאָל ווערן זיי אַנטפּלעקט[45] פֿון אַ נײַער זײַט. די קאָמבינאַציע פֿון דעם טעקסט, בילדער און מאָדערנעם טיפּאָגראַפֿישן אויסזען מאַכן דאָס בוך זייער חנעוודיק[46]. מען קאָן עס עפֿענען סתּם אַזוי[47] און שעפּן נחת[48], אָדער מען קאָן אויף גיך אָפּזוכן אַ פּאַסיקע ברכה אָדער קללה, כּדי[49] לעבעדיקער צו מאַכן אַן אַרטיקל, אַ בריוו, אָדער אַ רעפֿעראַט. זאָל זײַן צו רפֿואה[50] !

1. YOYSEF Guri 2. PSURES nouvelles/news 3. BROKHES … KLOLES bénédictions et malédictions/blessings and curses 4. YERUSHOLAIM Jérusalem 5. LIMUDIM études/studies 6. דאָקטאָר 7. KOYNE-SHE'M … s'est fait un nom/made a name for himself 8. proverbes, dictons/proverbs, sayings 9. BLI-SOFEK sans doute/doubtless 10. … KOYLEL contient/contains 11. OYLEM public 12. OYTSER trésor/treasure 13. MIN sorte/sort 14. souligne/emphasizes 15. TEVE nature 16. TANA'KHISHE bibliques/biblical *de/from* תּנך Bible 17. KAS-… explosion de colère/burst of anger 18. bien que/although 19. blessant/sharp 20. MEDRESH Midrash, commentaire biblique/biblical commentary 21. AGODE légende/legend 22. tournés et détournés/turned around 23. OYFN manière/manner 24. MAYSIM exploits/deeds 25. BAYTAM saveur/flavor 26. LEMOSHL par exemple/for example 27. ASERES-HADI'BRES les Dix Commandements/the Ten Commandments 28. représentent/represent 29. exemple/example 30. STAM simplement/simply 31. par exemple/for example 32. RUEKH mauvais esprit, démon/evil spirit, demon 33. entrailles/entrails 34. PRO'TIMDIKN détaillé/detailed 35. index 36. MA'YNE-LOSHNS expressions véhémentes/vehement language 37. SHOLEM-ALEYKHEM 38. marâtre/stepmother 39. MISTOME probablement/probably 40. YARI'D foire/fair 41. Der Tunkeler (1881-1949) 42. MUMKHIM experts 43. HAGDOME introduction 44. DANA … NIKUD 45. se montrent/revealed 46. KHE'YNEVDIK plein de charme/full of charm 47. STAM … comme ça/just like that 48. … NAKHES prendre du plaisir/get pleasure 49. KEDE'Y afin de/in order to 50. … REFUE prenez-en de la graine !/use it in good health !

[סוף פֿון זײַט 6]

בקשה[29], דערקלערן אים אַ פּאָר ניואַנסן אין דעם רוימישן רעכט, און ווי אַ האָנאָראַר[30] פֿאַר דער קאָנסולטאַציע גיט ער אים – אַ ביכל אויף ייִדיש ! ווער דער אָפֿיציר איז געווען און וואָס ס'האָט געזאָלט באַטײַטן אָט די מתּנה[31], אַבסאָלוט פֿאַר אונדז אַן איבעריקע – דעם ענטפֿער קען מען נאָר אפֿשר געפֿינען אין דער מיסטיק... נו, ליגט אָפּ דאָס ביכל עטלעכע צענדליק יאָר אין אַ קעסטל, און איין מאָל, איבערקלײַבנדיק אונדזערע אַלטע זאַכן, נעם איך עס אין די הענט און זע, אַז כ'קען לייענען און ניט שלעכט פֿאַרשטיין ייִדיש... מיט דעם וואָלט זיך אפֿשר דאָ פֿאַרענדיקט דער וויץ, ווײַל דאָס ביכל איז געווען אַ שלעכטס, אַ מין פּראָפּאַגאַנדיסטישער קיטש פֿון אַ סאָוועטיש־ייִדישן שרײַבער. מײַן גורל[32] האָט מיך אָבער נישט אָפּגעלאָזט : אויף עפּעס אַ קאָנצערט, ווידער, הייסט עס, דורך אַ צופֿאַל, זינגט מען צוויי לידער אויף די טעקסטן פֿון אַ פּאָעט איציק מאַנגער. איר קענט אפֿשר דאָס דײַטשע שפּריכוואָרט „וואָס ווײַטער אין וואַלד – desto mehr Holz“[33] ? לעב איך הײַנט מיט דעם איציק מאַנגער אין האַרצן, מיט משה־לייב[34] האַלפּערן, משה קולבאַק, אַבֿרהם סוצקעווער – דער גאָלדענער קייט פֿון פּרעכטיקע[35] שרײַבער, און איצט – דער גאָר נײַער דור[36] אײַערער... פֿאַרשטייט זיך – ראַטעווען. אַ ליטעראַטור קען מען דאָך ניט לעבעדיקערהייט צו קבֿורה טראָגן...“.

29. BAKOSHE demande/request 30. honoraires/fee 31. MATONE cadeau/present 32. GOYRL destin/fate 33. *all.* plus il y a de bois/*germ*. the more wood 34. MOYSHE-... 35. magnifiques/marvelous 36. DOR génération.

### ווערטער וואָס מע וויל בעסער נ י ש ט זען !!!

| | |
|---|---|
| עס פֿעלט זכּרון | mémoire insuffisante/insufficient memory |
| אַרײַנגיין פֿאַרבאָטן | accès refusé/access denied |
| פֿאַרבינדונג אוממעגלעך | la connexion a échoué/unable to connect |
| דער דאָקומענט געפֿינט זיך נישט אָפּ | fichier introuvable/file not found |
| די מיסטפּאָסט | «pourriel»/spam |
| דער ווירוס | virus |
| דער באָג | bug |
| די באָמבע | bombe/bomb |



## אויב איר ווילט זיך שפּילן מיט אינטערנעץ אויף ייִדיש :

www.judaism-links.com/yiddish.html
www.ibiblio.org/yiddish/shtetl.html
www.yiddishweb.com
www.derbay.org.
www.columbia.edu/cu/cijs/yidd
www.folksbiene.org
www.princeton.edu/zemerl
www.sholom-aleichem.org
www.uyip.org
www.yiddish.forward.com
www.yiddishvilnius.com
www.yivoinstitute.org
www.yugntruf.org
www.yv.org
yiddishbookcenter.org

### וואָקאַבולאַר פֿון קאָמפּיוטערײַ

| | |
|---|---|
| דער קאָמפּיוטער | ordinateur/computer |
| דער עקראַ'ן | écran/screen |
| די קלאַוויאַטו'ר | clavier/keyboard |
| דער קלאַווי'ש | touche/key |
| די מויז | souris/mouse |
| דער אָ'פּדרוקער | imprimante/printer |
| דער האַרטער דיסק | disque dur/hard disk |
| דער דיסקע'ט | disquette/floppy disc |
| דאָס קאָמפּאַקטל | CD |
| די פּראָגראַ'ם | logiciel/program |
| אַרײַ'נקלאַפּן | saisir/enter |
| אָ'פּהיטן | enregistrer/save |
| אָ'פּדרוקן | imprimer/print |
| אָ'נדריקן | cliquer/click |
| אָ'פּקלײַבן | sélectionner/select |
| דער דאָקומע'נט | fichier/file |
| די טעקע | dossier/folder |
| דער זכּרון [ZIKORN] | mémoire/memory |
| דער מי'סטקאַסטן | poubelle/trash |


# דער ייִדישער טעם־טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

*דער ייִדישער טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט איוועט, גאָלדע, וועראָניקאַ, יצחק, מאַרי, נאַדיאַ, נאַטאַליאַ, עוולין, רובי.



Der Yidisher Tamtam
Maison de la Culture Yiddish
18, passage Saint-Pierre Amelot
75011 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47
tamtam@yiddishweb.com



מע קען אויך לייענען דעם *ייִדישן טעם־טעם* אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com


